HOLOCAUST
MEMORIAL DAY TRUST

# התחייבות

1. מיר אָנערקענען אַז די שואה האָט אויפגעטרייסלט די יסודות פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. איר כאַראַקטער און גרויל, קיינמאָל פריער ניט געזען, וועלן אייביק האָבן אַן אוניווערסעלע מיינונג.
2. מיר גלויבן אַז די שואה מוז פאַרנעמען אַ פּערמאַנענט פּלאַץ אין דעם קאָלעקטיוון זיכרון פון אונדזער לאַנד. מיר געבן אָפּ כבוד די לעבן געבליבענע וואָס זיינען נאָך מיט אונדז, און דערקלערן ווידער אונדזערע געמיינזאַמע צילן פון קעגנזייטיקן פאַרשטאַנד און גערעכטיקייט.
3. מיר מוזן פאַרזיכערן אַז די צוקונפטיקע דורות וועלן פאַרשטיין די סיבות פון דער שואה, און טראכטן וועגן אירע קאָנסעקווענצן. מיר טאָן אַ נדר צו געדענקען די קרבנות פון דער נאַצישער פאַרפאָלגונג און פון יעדער פעלקערמאָרד.
4. מיר שאַצן אָפּ דעם קרבן פון די וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן כדי צו באַשוצן אָדער ראַטעווען די פאַרפאָלגטע, און האַלטן זיי אַלס פּרוּוושטיינער פון דער יכולת פון מענטשן צו טוען גוטס אין די אויגן פון שלעכטס.
5. מיר אָנערקענען אַז די מענטשהייט איז נאָך היינט באַפלעקט דורך דעם גלויבן אַז ראַסע, רעליגיע, מינערווערטיקייט אָדער סעקסואַליטעט זיינען אַ סיבה אַז דאָס לעבן פון באַשטימטע מענטשן זאָל זיין ווערט וויניקער פון דעם לעבן פון אַנדערע.
פעלקערקמאָרד, אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם, קסענאָפאָביע און דיסקרימינירונג זיינען נאָך אַלץ פאַריין. עס איז אונדזער בעמיינזאַמע פאַראַנטוואָרטליכקייט צו באַקעמפן די פאָרמען פון רישעות.
6. מיר זאָגן צו אַז מיר וועלן זיך מער אָנשטרענגען כדי צו פאַרשפּרייטן חינוך און פאָרשונג אַרום דער שואה און אנדערע פאַלן פון פעלקערמאָרד. מיר וועלן טאָן אַלעס וואָס מיר וועלן נאָר קענען כדי מען זאָל לערנען די לעקציע פון די געשעענישן.
7. מיר וועלן ווייטער העלפן געדענקען די שואה אָפּהאַלטנדיק אַ יערלעכן שואה זכרון טאָג אין בריטאַניע. מיר טרעטן אַרויס קעגן דעם רישעות פון פאָראורטייל, דיסקרמינאַציע און ראַסיזם. מיר גלויבן אין אַ פרייער, טאָלעראַנטער און דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט.